STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02361

LIDER

Aleksandr Sergeevich Pushkin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער
פון
א. ס. פושקין

פון רוסיש:
משה קאָנסטאַנטינאָווסקי

מיט א פאָררעדע פון
יעקב באָטאָשאַנסקי

פ א ר ל א ג :
בוכהאַנדלונג ג. קאַפּלאַנסקי
בוענאָס איירעס
1937

ISBN:0-657-02361-2
Old Call No.,97-723 v.

אַן אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע אין אידיש

אַן ענציקלאָפּעדיע פאַר דעם פאָלקס־מענטש און ארבעטס־מענטש, וואָס לעבן זיך אויס אין אידיש, פאַר מיליאָנען, וואָס פאַר זיי איז די אידישע שפּראַך דאָס איינציקע וועקצייג פון קולטור און בילדונג, און אויך פאַר דעם אינטעליגענט, וואָס אידיש איז אים נעענטער און היימישער.

אַזאַ ענציקלאָפּעדיע איז ניט קיין לוקסוס־זאַך, נאָר

אַ לעבנס-נויטווענדיקייט

פאַר די ברייטסטע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אייראָפּע אַמעריקע און די ווייטע אידישע ישובים, פאַר יונג און אַלט, פאַרן אַ בעטס־מענטש, ווי פאַרן געשעפטס־מענטש און אינטעליגענט, פאַר ד ביבליאָטעק און פאַר דער היים, פאַר דעם יחיד און פאַר דעם פאַרא פאַר דעם פאַרטיי־טוער און פאַר דעם מיטגליד פון אַ פּראָפעסיאָנעי אָרגאַניזאַציע, פאַר דעם שרייבער און פאַר דעם לייענער, פאַרן אידן אַ גאַנץ יאָר און פאַר דעם געשולטן וואויל־לערנער.

פאַר אַלעמען מוז די אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע אין אידיש ווערן אַ האַנטבוך פון אינפאָרמאַציע און אויפקלער, מחמת זי נעמט אַריין אַלע צווייגן פון אַלגעמיינעם וויסן און גיט אָפּ אַ וויכטיקן אָרט אויך פאַרן אידישן וויסן — וועגן אידישן לעבן און שאַפן אין דער פאַרגאַנגענהייט און געגנוואַרט, וועגן אידישע פּראָגעס און באַגריפן, וועגן אַלץ, וואָס איז נוגע אידן אין אַלע זייערע וואוין־ערטער.

די ענציקלאָפּעדיע, וואָס דובנאָוו־פאָנד איז פאַרין ניט אַרויס, איז צו באַקומען אין בוכהאַנדלונג

ג. קאַפּלאַנסקי

CORRIENTES 2614 Buenos Aires

נאָטאַ: פאָדערט פּראָספּעקטן און אינפאָרמעס.

EX LIBRE
BEN-AMI
8

לידער
פון
א. ס. פושקין

פון רוסיש:
משה קאָנסטאַנטינאָווסקי

מיט א פאָררעדע פון
יעקב באָטאָשאַנסקי

פ א ר ל א ג :
בוכהאַנדלונג ג. קאַפּלאַנסקי
בוענאָס איירעס
1937

אַקראָסטיק

געווידמעט דעם גרויסן קינסטלער יעקב בן עמי (שטײער

יעדער צעשעסט אין געטלעך שפּיל,
ער באַצויבערט דײַ געפיל,
קריכט זיך אײַן אין זעל אויף יאָרן,
בלײַבט אויף אייביק איין זכּרון...
בליט, צעוואַקסט זיך צאַרטער בלום,
נחת, פרייד שענקט דעם אַרום,
עס ווערט יום־טוב אויפן האַרצן,
מאַכט העל שטראַלן טעג דעם שוואַרצן.
יאָר אין טעג דורך לעבנס־שוועל
שאָקלען זיך פאַרביי גאָר שנעל,
טראָגן זיך אַלע גיכער, גיכער,
שנעלער נאָך פון שטורעם, ווינטער,
יאָגט זיך ס'לעבן, ניט סאַר רוט,
רוט ניט איין אויף איין מינוט,
יאָגט... און ס'בלײַבט נאָר רייך דער גרעסטער,
נאָר איין גײַסט, און איינער פעסטער...

משה קאָנסטאַנטינאָווסקי.
בוענאָס איירעס, 14/VIII 1947

יעקב באָטאָשאַנסקי

א פאָר ווערטער וועגן משה קאָנ־סטאַנטינאָווסקים פושקין־איבערזעצונגען

אין זיין באריממט ליד „דער דענקמאָל” האָט פושקין געזאָגט, אז יעדער פאָלק פון רוסלאַנד האָט זיין ליד פארוועבט אין זיין שפּראַך, אָבער צווישן די פעלקער, וואָס ער האָט אויסגערעכנט, האָט ער די אידן ניט דערמאָנט; ער האָט גערעדט וועגן סלאַוו, פין, טונגוז, קאַלמיק, נאָר ניט וועגן אידן. דער גרויסער דיכטער איז צו אידן ניט געווען פריינטלעך, ער האָט זיי אַלע געהאַלטן פאַר פּראָצענטניקעס, ער האָט ניט געוואוסט, אַז צווישן די דאָזיקע, ביי וועלכע „מ׳נעמט צו די צייט און די ארבעטן”, געפינען זיך אַ סאַך, אַ סאַך אידן. פושקין איז געווען אן אנטיסעמיט על פי טעות. פונדעסטוועגן האָבן אויך די אידן אַיינגעוועבט פושקינס ליד אין זייער שפּראַך און אפשר נאָך מער ווי די אַנדערע פעלקער.

פושקינס ליד האָט געהאָלפן אַלע פעלקער פון אמאָליקן רוסלאַנד זיך צו באַפרייען פון צארישן יאָך און האָט בעמיילע אויך געהאָלפן די אידן זיך צו באַפרייען פון זעלביקן יאָך, כאָטש דירעקט איז דאָס ליד פון גרויסן דיכטער זייער אָפט געווען אומפריינטלעך און אומגערעכט צו אידן.

פושקינס ליד ווערט פאַרוועבט אין דער אידישער שפּראַך. אין קיין שום אַנדער ליטעראַטור, אויסער דער רוסישער נאַטירלעך, פאַרנעמען די

הײ־יעריקע פּושקין־פײערונגען (צום הונדערטסטן יאָרצײט פון דיכטער) ניט אַזאַ פּלאַץ, װי אין דער אידישער. און אין די פײערונגען פאַרנעמען בײ אונז אַ חשוב פּלאַץ די איבערזעצונגען. אין אַלע אידישע צײטשריפטן און צײטונגען פון דער גאַנצער װעלט װערן הײ־יאָר פאַרעפנטלעכט פּושקין־איבערזעצונגען. בײ אונז אין אַרגענטינע איז ביז איצטער משה קאָנסטאַנ־טינאָװסקי דערװײל דער אײנציקער פּושקין־איבערזעצער. ער איז דער אײנציקער, װאָס דערלאָזט ניט, אַז אונזער ישוב זאָל אין דעם פּרט בלײבן אַן אױסנאַם.

אין משה קאָנסטאַנטינאָװסקיס פּושקין־איבערזעצונגען איז פאַראַן אַ סאַך אָרנטלעכע אַרבעט און אַ סאַך געטרײשאַפט. דער איבערזעצער האָט אַ באַשטימטן חוש פאַר ריטם און קלאַנג און דאָס איז דאָך אַ קאָנדיציע „סינע קװאַ נאָן" פאַר פּושקין איבערזעצער. דער גרױסער רוסישער פּאָעט האָט געהאַלטן פון פראַנצױזישן כלל „לאַ מוזיק אַװאַן טוט שאָז". (די מו־זיק פאַר אַלעמען.) אין דער גאַנצער װעלט־ליטעראַטור זײנען פאַראַן װײ־ניק אַזעלכע מוזיקאַלישע דיכטער װי פּושקין; דורך זײן ברוסט און קול האָט אַרױסגעזונגען דאָס גרױסע רוסלאַנד, און משה קאָנסטאַנטינאָװסקי האָט געטון אַלץ, אַז פּושקינס קלאַנג זאָל ניט פאַרלױרן גײן

פּושקינס אימפּעט, פּושקינס אינערלעכן קלאַנג און שטורעם גערעט ניט תמיד אונזער איבערזעצער איבערגעבן, און איך װײס איבערהױפּט ניט, צי דאָס דאָזיקע קען גערעטן אײנעם, װאָס איז ניט אַזאַ דיכטער װי פּושקין... משה קאָנסטאַנטינאָװסקין גערעט דאָך איבערצוגעבן עפּעס פון פּושקינס טעם. אין גוטן אידיש פון אונזער איבערזעצער איז פאַראַן רו־סישער אָפּקלאַנג: הײסט עס — מען שפּירט פּושקינען.

מיר לעבן אין אַ סביבה, אין װעלכער קײן אַרבעט װערט ניט אָפּגע־שאַצט. די היגע שריפטשטעלער װאַרטן ביז װאַנען די אינספּיראַציע װעט זײ אַרײנפאַלן און דאַן װעלן זײ זי אָנכאַפּן בײם עק.

זײ װילן ניט װיסן, אַז ליטעראַטור איז, װי טורגעניעװ האָט זיך אױס־געדרוקט, די פרוכט פון שװערער און ביטערער מי. זײ װילן ניט װיסן, אַז װאָס מער מען אַרבעט אַרום ליטעראַטור, אַלץ װײניקער דערקענט מען די אַרבעט און אַלץ מער דוכט זיך. אַז די שאַפונג איז אױסגעװאַקסן... און משה קאָנסטאַנטינאָװסקי האָט בײ זײנע פּושקין־איבערזעצונגען געאַרבעט און ער פאַרדינט פאַר זײ אַ יישר כח.

יעקב באָטאָשאַנסקי

די וואַסער-נימפע

אמאָל אין וואַלד, באַ אָזיער שיינעם,
פאַרקליבן האָט זיך אַ מאָנאַך.
געטראַכט האָט ער ניט וועגן קיינעם:
געדאַוונט נאָר, געפאַסט אַסאַך.
אַ קבר איז שוין לאַנג באַם אַלטן
ניט ווייט פון שטיבל אָנגעגרייט;
געוואַרט האָט ער אַף טויט, דעם קאַלטן,
אים אויפצונעמען מיט גרויס פרייד.
און איינמאָל זומער אין אַן אָוונט,
ווען, שטייענדיק אַזוי פאַרטראַכט,
האָט פרוש שטיל אין זיך געדאַוונט
צו גאָט, וואָס אַלעם האָט געמאַכט:
ווען נעפּל איבער אָזיער וועבט זיך,
לבנה, ווי אַ גרויסער באַל,
אין הימל מאַיעסטעטיש שוועבט זיך,
ווי איינגעוועבט אין אַ וואוּאַל, —
דאַן אָנגעהויבן האָט דער אַלטער
אין וואַסער קוקן מיט פאַרדאַכט:
באַדעקט האָט אים אַ שווייס אַ קאַלטער,
זיין קוק איז פינצטער ווי די נאַכט;
און פּלוצלינג, ווי אַ שאָטן, לייכטע,
מער ווייס ווי שניי, מער פריש ווי טוי,
אַ נאַקעטע, מיט האָר, מיט פייכטע,

פון וואַסער גייט אַרויס אַ פרוי.
זי זעצט זיך בײַ דעם ברעג אַוועק
און קעמט די נאַסע האָר פון קאָפּ...
דער אַלטער ציטערט אַזש פון שרעק,
נאָר נעמט די אויגן ניט אַראָפּ.
צום אַלטן טוט די נימפע ווינקען
און לאַקט אים מיט איר הענטל קליין...
נאָר פּלוצלינג טוט זי אין וואַסער זינקען
און ווערט פאַרשוואונדן ווי אַ שטיין...
די נאַכט דער פרוש קאָן נישט שלאָפן,
אויך דאַוונט ניט דעם טאָג און קרענקט;
ער טרוימט פון דעם, וואָס האָט געטראָפן:
צום מיידל ציט דאָס האַרץ און בענקט.
און וואַלד צו אָוונט־צייט ווערט בלאַסער,
לבנה שוועבט דאָרט אויבן טריב,
און ווידער זיצט דאָרט אַפן וואַסער
דאָס מיידל, וואונדערשיין און ליב.
זי קוקט און רופט אים מיט די אויגן,
איר לופט־קוש — זיס, איר שמייכל — צאַרט,
אַף כוואַליעס שפּילט זיך, אויסגעצויגן,
און ווי אַ קינד זי וויינט און לאַכט.
זי רופט און וועקט דעם יצר־הרע:
„מאָנאַך, קום שנעל צו מיר, איך וויל!"
און זי פאַרשווינדט אין כוואַליעס קלאָרע,
און ווידער אַלץ אַרום איז שטיל.
דעם דריטן טאָג דער בעל־תאווה
—אַ־אַ — ער זיצט באַם ברעג און וואַרט:
פון וואַסער־נימפע די זאַבאווע
צו זען פון נאָענט נאָר ער גאַרט...
דער טאָג פאַרטרייבט נאַכט טונקל־בלויע,

ניטאָ מאָנאַך!... וואָס איז געשען?
און ס׳האָבן דאָרט א באָרד א גרויע
אין וואסער איינגעלעך געזען.

דער קאָזאַק

איינמאָל, פון דער נאַכט אינמיטן,
דורכן נעפּל גלייך,
איז א קאָזאַק שנעל געריטן,
דאָרטן לעבן טייך.
שוואַרצע היטל — ביז די וויעס,
אָנגעגירט א שווערד;
פּיסטאָלעטן — ביי די קניעס,
הענגען אָפן פערד.
צום ניט פילנד, פערד געטרייער —
ווי ער צײלט די טריט:
לאַנגע גריווע טרייסלענד פרייער,
גייט ער שריט בא שריט.
דאָ זעט הייזקעס קאָזאַק דרייסטער
און א פּלויט דאָרט באַלד:
דאָ צום דאָרף — דער וועג דער גייסטער
און א דער — צום וואַלד.
„ב׳וועל שוין נישט געפינען קיינעם
אינעם וואַלד אצינד:
מיידלעך איצט אין אַלקער שיינעם
טרוימען, ווי א קינד".
באַפּט אין האַנט ער לייצעס גיכער,
שטעכט א שפּאָר אין זייט;
ס׳פערד צום דאָרף ברענגט, ווי א וויכער,

אין אַ קורצער צייט.
שיינט די לבנה דאָרטן אויבן
אַף אַ קליינטשיק הויז:
זיצט אַ מיידל בײַ די שויבן,
שענער ווי אַ רויז.
זעט דער קאָזאַק ס׳שיינע מיידל,
גיט אים ס׳האַרץ אַ ריר:
רייט ער צו גאַנץ שטיל און איידל,
שטייט באַלד לעבן איר.
„ס׳שיינט שוין ניט לבנה־טעלער,
פינצטער אַף דער ערד;
גיי אַרויס, געליבטע, שנעלער
אָנפּאָיען מיין פערד!"
— ניין, כ׳האָב מורא, ס׳איז נישט ערלעך
און עס איז ניט שיין:
דאָס קאָן זיין פאַר מיר געפערלעך:
כ׳וויל צו דיר ניט גיין! —
„האָב ניט מורא פאַרן רימער,
וואַרף אַוועק די שרעק!"
—ס׳איז מיר קאַלט און הייס, איך ציטער! —
„מאַך צו דעם אַן עק!
„נו, גענוג געשפּרעכן פירן,
לאָמיר ווערן פריינט:
צייט די גאָלדענע פאַרלירן
דאַרפן מיר ניט היינט!
„כ׳ברענג דיך אַף מיין פערד, מיין שנעלן,
אין אַ וויטן לאַנד;
מירן איינס פון צווייטן קוועלן,
גליקלעך זיין בײַנאַנד".

און דאָס מיידל? — אַלץ פאַרגעסן,
האָט באַזיגט דעם שרעק!
אָט איז זי אויף פערד געזעסן...
קאָזאַק באַלד אַוועק!
ס'פּאָרל איז ווי ווינט געפלויגן
צו אַ לעבן ניי!
קאָזאַקס ליבע זיך פאַרצויגן
גאַנצע וואָכן דריי!...

ווינטער - אָוונט

מיט אַ נעפּל דעקט דעם הימל,
דרייענדיק דעם שניי, דער ווינט;
הער: ער וואָיעט, מאַכט אַ טומל
אָדער וויינט גאָר ווי אַ קינד;
אָט די שטרוי פון אַלטע דעכער
פּלוצלינג גיט ער זיך אַ הויב,
ווי אַ פוסגייער אַ פאַרשפּעטער
אָט ער גיט אַ קלאַפּ אין שויב.
אונזער שטיבל, נאָך פון זיידן,
טרויעריק און דאָך גאָר ליב...
וואָס־זשע הער איך דיך נישט ריידן?
וואָס־זשע ביסטו, אַלטע, טריב?
אפשר פון דעם ווינט דאָס ברומען
האָט דיך איינגעמידט, מיין פריינט,
אָדער גאָר דאָס שפּינדל־זשומען
האָט דיך איינגעשלעפערט היינט?
לאָמיר מאַכן איצט אַ כוסה
פאַר מיין יוגנט פול מיט פיין!

וואו־זשע איז די פלאש די גרויסע?
לאז דאס הארץ אונז פריילעך זיין!
זינג מיר ס'ליד פון פויגל קליינעם,
וואס האט רואיק זיך געלעבט
זינג מיר ס'ליד פון מיידל שיינעם,
וואס פון ברונעם וואסער שעפט!
מיט א נעפל דעקט דעם הימל,
דרייענדיק דעם שניי, דער ווינט;
הער: ער וואיעט, מאכט א טומל
אדער וויינט גאר ווי א קינד.
לאמיר מאכן איצט א כוסה
פאר מיין יוגנט פול מיט פיין!
וואו־זשע איז די פלאש די גרויסע?
לאז דאס הארץ אונז פריילעך זיין!

צו נאטאשען

סע פארשווינדט, פארגייט דער זומער,
ס'פליען העלע טעג אוועק!
ס'שפרייט זיך אויס, ווי נעפל, קומער
פון דער נאכט אין שאטן־דעק;
ס'פעלד איז פוסט, און טוט ניט גרינען,
קאלט דאס טייכל אין באגינען,
וואלד געדיכטער — טריב און בלאס,
הימל־סקליעפ איז גרוי און נאס.
אוי נאטאשע, זאג מיר, שיינע,
עפעס זעט מען דיך ניט היינט!
ווילסטו ניט א שעה, בלויז איינע
טיילן מיט דיין הארצנס־פריינט?
ניט באם אזיער, זילבער־קלארן,

ניט אין וואלד, שוין אַלט אין יאָרן,
ניט אינדרויסן ביי דיין הויז
טרעף איך דיך, מיין שיינע רויז.
אַט גאָר גיך וועט ווינטער קאַלטער
פעלד באַזוכן און אויך וואלד;
אין דער הייזקע, אין דער אַלטער
וועט אַ פייער ברענען באַלד;
כ'וועל ניט זען שוין מער מיין שיינע
און, ווי אין די שטייגלעך קליינע —
פויגלען, וועל איך זאָרגן לאַנג,
ווייל נאַטאַשע טוט מיר באַנג.

די שוואַרצע שאַל
(מאָלדאַוואַנישע ליד)

איך קוק ווי צעדולט, ווען אַ שוואַרצע כ'זע שאַל,
סע ציפט מיך ביים האַרץ און עס פּלאַצט מיר די גאַל.
ווען יונג נאָך און גלויביק, מיט גאַרניט באַטריבט,
אַ יונגעטשקע גריכן האָב א י ך שטאַרק געליבט.
זי האָט מיך געצערטלט באַנאַכט און באַטאָג;
נאָר באַלד איז געוועזן צו די יאָרן אַ קלאָג.
און איינמאָל, ווען געסט זיצן פריילעך ביי מיר,
קלאַפּט־אָן אַ פאַראַכטעטער איד אין דער טיר.
דו הוליעסט, פאַרברענגסט (זאָגט ער) מיט דיינע פריינט,
נאָר דיך דיין שיין מיידל פאַראַטן האָט היינט.
כ'האָב געלט אים געגעבן, פאַרשאָלטן ס'געביין,
און נעם מיין קנעכט טרייעם, צוזאַמען צו גיין.
מיר לויפן גאָר שנעל, און רחמנות־געפיל
ביי מיר אין מיין האַרצן, ווי טויט איז ער שטיל.
ווי נאָר כ'האָב דערזען פון מיין ליבער דאָס הויז,

איז שיר מיר פון כעס די נשמה ארויס.
  איך גיי אינעם צימער אין וויטן אריין...
סע קושט אן ארמענער דאָס מיידעלע מיין.
  א פייער צינדט־אָן מיך... א בליץ דער קינזשאַל...
ער האָט ניט געענדיקט דעם קוש, דער נאַכאַל.
  כ׳געדענק איר געבעט און איר בלוט, פריש און רויט...
געשטאָרבן דאָס מיידל, די ליבע אויך טויט.
  אין שאַל אירן שווארצן, וואָס ליגט אויפן פאַל,
האָב א י ך אָפגעריבן דעם בלוטיקן שטאָל.
  מיין קנעכט האָט פאַרוואָרפן די קערפּער, די צוויי,
דער דונאַי, דער טיפער, פאַרטראָגן האָט זיי.
  איך קוש ניט פון דאַמאָלט קיין פרויען־געשלעכט,
איך וויים ניט פון דעמאָלט קיין פריילעכע נעכט.
  איך קוק ווי צעדולט, ווען א שווארצע כ׳זע שאַל,
סע ציפּט מיך ביים הארץ און עס פּלאַצט מיר די גאַל.

דאָס מיידל

...מאָרגנשטערן גייט אויף פרי,
פּרעכטיק גיט די רויז א בלי;
ס׳פלעג מיך דאַן, ווי מאַגנעט ציען:
גיין צו איר פלעג איך זיך מיען.
  אויפן ווייכן בעטגעוואַנט
מיט א שלעפעריקער האנט
ס׳מיידל טוט די אויגן רייבן:
וויל פון זיך דעם נאַכט־טרוים טרייבן.
  און דערשיינען פלעג זי מיר
ביי דעם פענסטער, ביי דער טיר,
העלער פונעם מאָרגנשטערן,
פרישער פון א רויז אין ווערן.

האָב איך זי באמערקט נאָר שטיין,
ווערט דאָס לעבן זיס און שיין,
און די לופט טוט שטראָמען פרייער,
און איך ווער א מענטש א נייער.
כ'וואָלט דערקענט פון טיפן שלאָף,
צווישן הונדערט טויזנט שאָף,
ס'קליינע שעפּסל, ליבלינג אירן;
כ'פלעג עס אָפט צום טייכל פירן,
אויפן שאָטנדיקן ברעג,
גרינע לאָנקעס אָן אן עק;
כ'פלעג עס צערטלען און עס היטן,
בלומען פלעג איך פאר דעם שיטן;
כ'פלעג דעם זינגען אויך א ליד,
ווען סע פלעג גיין שלאָפן, מיד...
זי פלעג שמייכלען איר פארערער,
איצט ניטאָ דאָס גליק שוין מערער.
וואו זשע איז מיין מיידל שיין?
אין מיין איינזאמקייט איך וויין,
און אנשטאָט דאָס גליק פון פריער —
קרעכצן, טרערן אָן א שיעור.

דאָס ליד וועגן פירשט אָלעג

און ס'לאָזט זיך צום קאספּישן ים פירשט אָלעג
זיך נוקם זיין אין די כאָזארן;
פארן גרויזאמען אָנפאל וועט ער זייער ברעג
פארניכטן מיט שווערד און פאָזשאָרן;
און מ י ט זיין דרוזשינע, פון קיינעם געשטערט,
ער טראָגט זיך אין פעלד אויף זיין מעכטיקן פערד!
פון טונקעלעם וואלד זעט ער גלייך צו אים גיין

א צויבערער, שטיל און באַשיידן,
וואָס, פריי ווי א פויגל און טריי זיך אַליין,
די צוקונפט, אָן שרעק, זאָגט איעדן,
באַשעפטיקנדיק זיך דערמיט יאָר און טעג;
און אָט צו דעם אַלטן רייט־צו פירשט אָלעג.
„אָ זאָג מיר, מכשף, פון געטער דער פריינט,
אין לעבן מיינס, וואָס וועל איך האָבן?
צי גיך, צו דער פרייד פון די שכנים די פיינט,
אין דרערד וועל איך ווערן באַגראָבן?
אַנטדעק מיר דעם אמת אָן מורא, אָן שרעק,
און א י ך גיב דעם פערד דיר דעם בעסטן אוועק!"
— „מכשפים זיי האָבן ניט מורא פאַר מאַכט
און נעמען ניט אָן קיין מתנה;
כ'בין ערלעך, ניט פאַלש און איך זאָג, וואָס איך טראַכט:
פון געטער איך וויים די כוונה.
די קומענדע יאָרן, זיי זיינען פאַרדעקט:
דיין גורל איז אָבער פאַר מיר קלאָר אַנטפּלעקט!
געדענק זשע נאָר גוט אָט דאָס וואָרט מיינס פון היינט:
גרויס פרייד און גרויס לויב האָט דער קריגער!
איך זע: מיט נצחון דיין נאָמען באַשיינט,
דיין פאַנצער איז אומעטום זיגער;
און ים און יבשה, זיי זיינען דיר פריינט,
מסנא דיין גורל דיר זיינען די פיינט!
פון ברויזנדן ים אָט דער מעכטיקער וואַל
אין שעהען פון געטלעכן צאָרן,
און פיילן און בויגן און פאַלשער קינזשאַל,
זיי שוינען פון זיגער די יאָרן...
דיין אייזערנער פאַנצער פאַרהיט פון א וואונד:
א היטער אומזעבאר מיט דיר האָט א בונד!
דיין פערד האָט קיין מורא, ווען ד ו ביסט זיין האַ

אויב פּילט ער אין זייט דיינע שפּאָרן:
אַט שטייט ער זיך רואיק אין גרעכסטער געפאַר,
אַט פליט ער אויף שטרויך און אויף דאָרן;
און גאָרניט איז אים: ניט די קעלט, ניט די נויט:
נאָר קריגן וועסט דו פון דיין פערד, פירשט, דעם טויט!"
א פינצטערער שמייכל, ווי פינצטערע נאַכט,
פאַרטונקלט האָט פירשטלעכע אויגן;
א שטילער פון פערד קריכט אראָפּ ער פאַרטראַכט,
פון טרויער אינדרייען געבויגן;
זיין פריינט, זיין געטרייעם אין אומגליק, אין גליק,
ער גלעט און ער צערטלט און שיקט אים צוריק.
„אדיע, קאמאראד, ס'איז דאָס לעצטע מאָל היינט,
וואָס מיר קומט מיט דיר אוים צו ריידן;
פון איצט וועסטו רוען שוין, א טרייער פריינט:
געקומען די צייט זיך צו שיידן.
אַדיע, זיי געטרייסט און פאַרגעס נאָר ניט מיך...
„העי פאזשן, נו נעמט אים און פירט אים אָפּ גיך;
באדעקט אים נאָר גוט מיט דער וואָלענער דעק,
וואָס כ'האָב נאָך פון זיידן בירושה!
איר שפּייזט אים מיט האָבער פון גאנצענע זעק
און פירט אים אויף לאָנקעס אויף פרישע!"
און באלד מיטן פערד זיינען פאזשן אוועק,
אַן אנדערן פערד האָט באַקומען אָלעג.

עס הוליען די קריגער און פירשט אויך מיט זיי,
ביי גלעזער פון טייערע ווייגען;
די לאָקן ביי זיי זיינען ווייס שוין ווי שניי,
נאָר די אויגן, ווי זונען זיי שיינען;
זיי ריידן, דערמאנען פאַרגאַנגענע טעג:

א יערע מלחמה און יעדן געשלעג.
„יאָ, וואו איז מיין חבר, געטריי ווי א הונט,
וואו א י ז ער, דער פערד, מיין באַליבטער?
ער לויפט נאָך אַלץ שנעל? און ער איז נאָך געזונט?
און שפּרינגען נאָך אַלץ אַ געאיבטער?"
מע ענטפערט: שוין לאַנג איז געקומען זיין סוף:
ער שלאָפט אויפן בערגל זיין אייביקן שלאָף!"
געשאָקלט דעם קאָפּ האָט דער מעכטיקער האר
און טראַכט זיך ביי זיך אינעם הארצן:
„וואו איז דיין פאָראויסזען, דו אַלטיטשקער נאַר,
א סוף פונעם פערד מיר, א שווארצן?
דו ווייסט ניט, אין צוקונפט וואָס מיר איז באַשערט."
און פירשט וויל באַלד גיין — זען די ביינער פון פערד!
אָט רייט ער פון פאַלעץ, דער גרויסער אָלעג,
באַגלייט פון א סוויטע א קליינער;
ער זעט אויפן בערגל, פון דניעפּער ביים ברעג,
דאָרט ליגן די איידעלע ביינער;
סע וואַשט זיי דער רעגן, ס'פּאַרשיט זיי דער שטויב,
דער רויב־פויגל פליט איבער זיי מיט זיין רויב.
און ס'טרעט אָן דער פירשט אויפן קאָפּ פונעם פערד
און זאָגט אים: „דו רירסט ניט קיין אבר!
דו זעסט, ווי איך לעב און איך טראָג נאָך מיין שווערד,
און ליידיק שטייט אַלץ נאָך מיין קבר;
און ווען ס'וועט קומען מיין לעצטע מינוט,
וועסט דו ניט באַגיסן מיין שטויב מיט דיין בלוט!
אָט דאָ האָסטו אומקום באַהאַלטן שוין לאַנג!
געדראָעט מיט טויט האָבן ביינער!..."
נאָר דאָ קריכט פון קאָפּ צו אָלעגן א שלאַנג
גאָר שטיל — ניט געזען האָט זי קיינער —
זי וויקלט אַרום, ווי א סטענגע די פיס,

דער פירשט פלוצלינג שרייט פונעם שרעקלעכן בים.

....

אונ קריגלעך מיט וויין ווערן אָפט דאָרט געבראַכט
צום קבר פון פירשט, פון אָלעג;
פירשט איגאָר און אָלגאַ דאָרט זיצן פאַרטראַכט,
די קריגער זיי הוליען ביים ברעג;
זיי ריידן, דערמאָנען פאַרגאַנגענע טעג
פון יעדער מלחמה און יערן געשלעג.

דער ווינשלבוים

פון מזרח די שטראַלן —
ווי רויטינקע רויז;
אין דערפל זיי פאַלן
אויף קלויסטער און הויז.
אין פעלדער די בלומען
מיט טוי פריש באַשפריצט;
די טשערעדעס קומען
אויף לאָנקעס שוין איצט.
צו הימלען, צו ריינע,
דער נעפל, ער פליט;
די פאַסטעכקע שיינע
צום פאַסטעך זיך ציט.
פון בארג ביי די זייטן
א קוואַל קלאָרער פליסט;
די זון פונדערווייטן
דעם וואַלד גרינעם גריסט.
א פאַסטעכקע, איינע,
זי איילט זיך אין מארק;

אין ווייטן,די שיינע,
זי קוקט זיך איין שטארק.
צוויי רויזן — זיי בליען
אויף שיינעם געזיכט;
אין אויגן טוט טליען
פון אומשולד דאס ליכט.
דאס קליידל איז ציצטיק,
און פעך־שווארצער צאפ
און פיסעלע פרעכטיק
פאדרייען דעם קאפ.
און זי, אפגעגאנגען
א הונדערט טריט קוים,
דערזעט צווישן זאנגען
פון וויינשל א בוים.
כאטש וויינשל — ווי פלוימען,
די סלינע אזש רינט,
דעם חשק זיך צוימען
דאך וויל זי אצינד.
נאר באלד טוט באשליסן
דאס מיידעלע שיין:
פון וויינשל געניסן,
אין מארק שוין נים גיין.
אט איז זי שוין אויבן,
אין בוים האלט זיך פעסט...
דערזעט זי דארט טויבן,
און וויינשל פארגעסט.
„נו קאנסט איצט געניסן,
— ביסט איינע אליין —
פון וויינשל, פון זיסן,
א, מיידעלע שיין!

„דו מעגסט איצטער נאַשן,
ס׳וועט קיינער ניט זען,
אויף ליגן אין טאַשן...״
נאָר וואָס איז געשען?
די פאַרבן זיך בייטן
אין בלייכן קאָליר:
א פאַסטעך פון ווייטן,
זי זעט גיין צו איר..

דער דערטרונקענער

שנעל אהיים די קינדער יאָגן,
רופן פאָטער גאָר געשווינד:
„טאַטע! ס׳האָט געבראַכט צו טראָגן
אונזער נעץ א מת אצינד.״
— ליגן, רוחות, ס׳איז א ליגן! —
פאָטער שרייט, ווען ער דאָס הערט:
— וואַרט נאָר, וואַרט, איר וועט שוין קריגן!
נאַ דיר מתים אויסגעקלערט!
ס׳קען ט׳געריכט אהער באַלד קומען
און נאָך האָבן א פאַרדאַכט,
דאַן גאַנץ לעבן זיי פאַרנומען
מיט די ריכטער און דער מאַכט!...
נו, איר, יונגער דור, פאַרשייטער,
זעט דעם פעלץ מיר ברייננגען גלייך...
וואו זשע איז דער מת? — „אָט ווייטער:
ס׳ליגט דער טויטער לעבן טייך!״
בלוי, געשוואָלן און צעשניטן,
וואַרפט דער קערפער אָן א שרעק;
האָט צום לעבן, פיל געליטן,

עמיצער געמאַכט אַן עק,
צי אַ פישער, יונגער, צאַרטער,
צי אַ שכור עפּעס דאָרט,
צי פון רויבער אַ פאַרנאַרטער
איז דערטרונקען אין דעם אָרט —
דער מוזשיק, וואָס דאַרף ער וויסן?
קוקט זיך אום... און איילט געשווינד...
שלעפּט ביי פיס דעם קערפּער מיאוסן,
וואַרפט אין וואַסער אים אַצינד...
האָט דעם רודער דאָן גענומען,
ניט דעם מת אַ גוטן שטויס
פונעם וואַסער־ברעג, דעם קרומען...
אָט דער מת, ער שווימט פאַרויס.
לאַנג דער קערפּער איז געשוואומען,
גלייך ווי לעבעדיק, ניט טויט.
דאָן מוזשיק אהיימגעקומען:
זיך באַפרייט שוין פון אַ נויט...
— וויסע חברהניקעם קליינע,
זעט נאָר שווייגט און ניט קיין וואָרט,
ניט קיין פּיפּס און מעשיות — קיינע,
אַניט — שמיים איך אויפן אָרט! —
בלאָזט באַנאַכט אַ ווינט אַ קאַלטער
און מיט צאָרן רוישט דער טייך,
פון מוזשיק אין הייזקע אַלטער
עפּעס ווייגט דאָרט אויפן דאַך.
שלאָפן באַלעבאָסטע, קינדער,
פון פאַמיליע דער קאָפּ
אויפן אויוון דאָרט באַזונדער...
פּלוצלינג — אין דער טיר אַ קלאַפּ!
— ווער איז? — „אוי זיך קוים דערשלאָגן!...

לאָז אין צימער מיך אריין!"
— וואָס פאַר רוח האָט דיך פאַרטראָגן?
וואָס פאַר בראָדזשען, ווי א קין?
וועסטו שלאָפן אויפן באָדן,
ס'איינציק פלאַץ, וואָס פריי איז בלויז? —
און ער מאַכט אויף פויל דעם לאָדן:
וויל אַרויסקוקן פון הויז.

די לבנה־שטראַלן גריסן —
וואָס? א נאַקעטער ביי טיר!...
פון דער באָרד טוט וואַסער פליסן,
אויגן אָפן, אָן א ריר;
קערפּער שרעקלעך איז צעריסן,
ס'איז ניט גאַנץ קיין איינציק אָרט;
שווארצע ראַקעס איינגעביסן
האָבן זיך אין קערפּער דאָרט.

מיט א קלאַפּ פאַרמאַכט ער לאָדן:
— כ'האָב אים אויפן אָרט דערקענט!...
ווייזט אוים צופיל זיך געבאָדן —
און סע ציטערן אים הענט;
טרייסלט זיך ווי אין א פיבער,
יענע נאַכט געשטאָרבן שיר;
ביז די גאַנצע נאַכט איז איבער,
הערט ער קלאַפּן אין זיין טיר.

מע דערציילט זיך איינס דעם צווייטן:
יעדעס יאָר, די זעלבע נאַכט,
טוט מוזשיק זיך שטענדיק גרייטן:
גאַנצע נאַכט אין הייזקע וואַכט.
פון דער פרי שוין איז ניט לויטער,
און באַנאַכט — א ווינט אָן שיעור;

אין איין קלאַפּ האַלט דער טויטער
ביי זיין פענסטער און זיין טיר.

אַ שפּאַנישער ראָמאַנס

א ווינטל קיל
באַנאַכט בלאָזט שטיל;
סע שטראָמט ביים טיר
גוואַדאַלקוויוויר.
אָט גייט־אויף לבנה ריינע,
שטילער!... הער... גיטאַרע־קלאַנג,
דאָרט אַ שפּאַניערן אַ שיינע
הערט פון איר באַלקאָן ס'געזאַנג.
א ווינטל קיל
באַנאַכט בלאָזט שטיל;
סע שטראָמט ביים טיר
גוואַדאַלקוויוויר.
טו אוים מאַנטל, מלאך טרייער,
און דערשיין אין פולער פּראַכט;
ס'ברענט די ליבע ווי אַ פייער,
קום זי לעשן דיזע נאַכט.
א ווינטל קיל
באַנאַכט בלאָזט שטיל;
סע שטראָמט ביים טיר
גוואַדאַלקוויוויר.

צו דער יונגער אלמנה
(מאַריא סמיט)

לידאַ, זאָג פאַרוואָס, געטרייע,

דיין געליבטער, ווען לייכט שלאפט,
פון די לעצטע נעכט א רייע
הערט דיין קרעכץ דיין שטילן אפט?
זאג פארוואס, אין גליק פון ליבע,
ווען פארווירקלעכט ס'איז דיין טרוים,
ווענדסטו דיינע אויגן טריבע
אין דער פינסטערניש פון רוים?
זאג פארוואס, ווען כ'טו געניסן
פון דיין ליבע יעדעס מאל,
זע איך דיינע אויגן פליסן
הייסע טרערן אן א צאל?
דו צעשטרייטערייד טוסט הערן
פלאמענדיקע רייד פון גליק;
דריקסט מיין האנט קאלט, ווי ניט גערן,
קאלט געווארן איז דיין בליק.
דארף מען אייביק טרערן גיסן,
א מיין ליבער צארטער שוואן,
און דאס לעבן זיך פארמיאוסן —
אלץ צוליב דעם טויטן מאן?
אין געפענקעניש פון קבר
— אויף מיין ערן ווארט מיר גלויב —
דירן טויטע ניט קיין אבר
און פארוואנדלען זיך אין שטויב!
ניט פאר זיי איז דא באגערן,
מארגן העלער, פרילינגס־רויז,
ניט פון פריינטשאפט הייסע טרערן —
פון געליבטער אינעם הויז.
פרי דיין מאן, פון דיר באגליקטער,
וואס הייסט טויט — האט זיך דערוואוסט;
איז, פון לעבן אן אנטציקטער,

איינגעשלאָפן אויף דיין ברוסט.
אייביק, גליקלעך איז זיין שלאָפן!
גלויב אין ליבע, טרינק און עס;
ס'האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן,
ס'לעבן שטערן זאָל אַ מת.
ס'וועט אַ דונער זיך ניט הערן
פּלוצלינג לעבן אונזער בעט,
און אַ גייסט וועט אונז ניט שטערן
אונזער היימן טעט־אַ־טעט.

דער טרוימער

לבנה פונעם הימל שטראַלט,
ס'ווערט גראָ באַרג ווי אַן אַלטער;
אויף וואַסערן די שטילקייט פאַלט,
פון טאָל בלאָזט ווינט אַ קאַלטער.
דער צאַרטער פרילינג־זינגער שווייגט
אין שוואַרץ־געדיכטע וועלדער;
די האַלבע נאַכט שטיל, רואיק שטייגט,
ס'רוט סטאַדע אין די פעלדער.
און פרידלעך ווינקל פון מיין הויז
נאַכט טונקלע טוט באַדעקן;
דאָס פייער אין קאַמין לעשט אויס,
דאָס ליכטל האַלט ביים עקן.
סע שטייט פון הויז־געטער דאָס בילד
אין אָרון ניט קיין רייכן;
לאַמפּאַדע אַלטע, אָפּגעגילט,
מיט פייער ברענט אַ שוואַכן.
געלינגן בין אך טיף פאַרטראַכט,
כאָטש ניט פאַרמאַכט די אויגן;

געדאַנקען זיסע יענע נאַכט
מיך האָבן צוגעצויגן;
און אין דער צויבער־טונקלקייט,
ווען לבנה שוועבט אין רוימען,
באַזוכן מיך, צו דינען גרייט,
די פליגלדיקע טרוימען.
און ס'הערט א קול זיך, ווי פארשמאַכט,
און סטרונעס טוען קלינגען:
אין טיפער פינסטערניש פון נאַכט
דעם טרוימער הערט מען זינגען;
פול בענקעניש אין הימלען שוועבט
דער טרוימערישער זינגער;
אויף לירע, וואָס ער מאַכט באַלעבט,
פליט לייכט מיט זיינע פינגער.
ס'איז גליקלעך דער, אין ענג געצעלט,
וואָס בעט ניט גליק ביי געטער;
פאר אים איז זעווס אַלץ אין דער וועלט,
ער היט אים פון בייז וועטער...
און שטיל אין שלאָף, אזוי זיך פויל,
די גלידער טוט ער שטרעקן;
פון קריגס־טראָמפייטן שרעקלעך גרויל
קאָן אויך ניט אים דערוועקן...
ס'מעג, שלאָגנד אין מעטאַלן שילד
מיט אָנזיכט מיט א פרעבער,
רום דראָען פון דערווייטן ווילד
מיט פינגער, ווי פאַרברעכער,
און פאָן, ווי רופן זאָל צום זיג
און שלאכט מעג אָנגיין מוטיק —
מיין הארץ ליבט רו און ניט קיין קריג,
ניט כ'שטרעב נאָך רום נאָך בלוטיק.

כ'וואוין איינזאם אין א פרידלעך הויז,
כ'פאַרברענג די טעג, אַ פרייער;
כ'באַזיץ פון געטער לירע בלויז,
פאר דיכטער — גאָב גאָר טייער;
און טרייע מוזע איז מיין פריינט:
איך דאַנק דיר, געטין מילדע!
מיין קליינע הייזקע זי באַשיינט
און ווייסטעניש די ווילדע.
נאָך אין מיין יוגנט, טעג פון גלאַנץ,
האָט זי ביי מיר געוואוינט;
פון יונגע מירטעס מיט אַ קראַנץ
מיין קאָפּ האָט זי געקרוינט,
און, העל באַשיינט פון הימליש ליכט,
צו מיר אריינגעדרונגען
און מיט אַ שמייכלדיק געזיכט
צום קינד האָט זי געזונגען.
אַ זיי באַגלייטערין דו מיין
ביז לעצטן טאָג פון לעבן;
באַשיץ מיך אונטער פליגל דיין
און טרוימען העלף מיר וועבן;
אוועקטרייב טרויער פון מיין זייט,
מיט ליגן מעגסט מיך פאַנגען,
פון גליקלעך לעבן העלע ווייט
באַגלייט מיר מיט געזאַנגען.
און שטיל וועט זיין מיין לעצטער טאָג,
און גוטער מלאך־המות
וועט קומען שטיל און טון אַ זאָג:
„נו קום צו דיינע אָבות!...”
אַזוי קומט־אָן דער זיסער שלאָף
אין ווינטער־אָוונט קאַלטן:

ער מאַכט צום וואַכן באַלד א סוף
ביים יונגן און ביים אַלטן...

אַ בריוו קיין סיביר

דאָרט טיף אין מינעס פון סיביר
אָ, היט געדולד די שטאָלצע, ווי געשאַנקען;
פאַרפאַלן גייט ניט מי אָן שיעור
און ס'הויכע שטרעבן פון געדאַנקען.
אין אומגליק אַ געטרייע שוועסטער,
די האָפנונג מוט אין קעלערס זייט;
באַלד קומען וועט מאָמענט דער גרעסטער,
וואָס וועט פאַרשאַפן אייך גרויס פרייד:
און ס'וועלן גרייכן פריינטשאַפט, ליבע,
צו אייך, אין אייער לעבן שלים,
ווי אייער קאַטאָרגע די טריבע
ס'דערגרייכט אַצינד מיין פרייע שטים;
עס וועלן פאַלן שווערע קייטן,
און — די געפענקעניש צעשטערט —
אייך פרייהייט וועט אַרויסבאַגלייטן,
און מ'וועט אייך אומקערן די שווערד.

סטאַנצן

צי כ'בראָדזשע אין גערויש פון גאַסן,
צי כ'זיץ אין טעמפּל, ערשטע ריי,
צי צווישן יוגנטליכע מאַסן —
גיב א י ך מיך אָפּ צו טרוימעריי.
כ'זאָג: שנעל פאַרגיין וועט ס'לעבן אָרעם,
און וויפל מ'זעט פון אונז ניט דאָ,

מיר רוען וועלן אין די קברים —
שוין אימיצנס שלאגט לעצטע שעה.

ווען כ'קוק אויף דעמב, וואס אלט איז, העסלעך,
דאן דענק איך: פאטריארך פון וואלד
לעבט איבער אויך מיין דור פארגעסלעך,
ווי טאטנס דור, לאנג טויט שוין,קאלט.

ווען כ'גלעט א זויגלינג שיינעם, וואוילן,
„אדיע, אדיע!" טראכט איך זאפארט:
„פאר דיר — צייט בליען, איך — באלד פוילן,
איך מוז דיר אפטרעטן מיין ארט."

און יעדע שעה און טאג פון לעבן,
צו נאכגיין אין געדאנק געוואוינט,
צו טרעפן טו איך תמיד שטרעבן
די צייט פון טויט, וואס קיינעם שוינט.

און וואו טוט גורל טויט באהאלטן:
אין קריג, אין ים, אין וואנדער־וועג?
צי אויפנעמען מיין שטויב מיין קאלטן
סע וועט דער קבר לעבן שטעג?

און כאטש דעם קערפער איז דאס פוילן
שוין אלציינס דא ווי אלציינס דארט,
דאך ביים געדאנק בלויז טוט מיך גרוילן,
צו רוען ניט אין ליבן ארט.

און זאל די יוגנט רויזן פלאנצן
פון קבר מיינעם ביי דער זייט,
און אין איר פראכט נאטור זאל גלאנצן,
ווי לאנג סע ציט זיך נאך די צייט.

דער געפאנגענער

איך זיץ אין געפענקעניש פייכטער אליין.

דערצווינגן אַן פרייהייט, אַן אָדלערל קליין,
מיין טריבער קאָלעגע, די פליגל באַוועגט
און אונטער מיין פענסטער די שפייזן ער פיקט.
ער פיקט, ווארפט אוועק, קוקט צו מיר מיט פאַרדאַכט,
ווי ס׳זעלבע, וואָס איך, וואָלט ער אויך שוין פאַרטראַכט.
ער רופט מיט די אויגן און מיט זיין געשריי:
„אַוועקפליען וועלן מיר, שקלאַפן, מיר צוויי?
מיר פריי זיינען, פויגל; נו, צייט, ברודער, צייט!
אַהין, וואו מע זעט דאָרט דעם באַרג אין דער ווייט,
אַהין, וואו די וועלט דאָרטן פריי איז און גרויס,
אַהין, וואו מיר הוליען... דער ווינט און איך בלויז.״

ציגיינער

איבער ברעגן, וואַלד־פאַרשפּרייטע,
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט,
פון געצעלטן, פון צעזייטע,
לידער טראָגן זיך א פּראַכט.
גוט דערקען איך פונדערווייטן,
אייך, געצעלטן, הויך און ברייט!
זאָלן אַנדערע זיין צייטן,
וואָלט איך אייך נעווים באַגלייט.
מיט די ערשטע שטראַלן מאָרגן
וועט פאַרשווינדן אייער שפּור,
ווי אַמאָל מיט אייך, אָן זאָרגן,
גיט כ׳וועל מאַכן שוין א טור.
פון אַמאָל מיין שפּאַס און זיטן
און דאָס שלעפן זיך צופוס
האָב איך שוין פון לאַנג פאַרביטן
אויף דעם דאָרפישן גענוס.

ראָמאַנס (פון פראַנצויזיש)
(דער פירשטן גאַרטשאַקאָוו.)

איר האָט געזען די צאַרטע רויז,
ווען ס'קומט נאָר איין טאָג שיינער בלויז,
און זי בליט־אויף אין פרילינג, מילד
און איז פון ליבע הייסער ס'בילד?
נאָך שענער פיל, ווי אונז עס שיינט,
יעוודאָכע אויסגעזען האָט היינט:
ווי אָנהויב פרילינג — מלא חן,
ווי אָנהויב פרילינג — יונג און שיין.
נאָר אַך! דער שטורעם און דער ווינט,
וואָס וואָיען ווי די בייזע הינט,
מיט ווינטער וועלן קומען באַלד
און ברענגען טויט אויף פעלד און וואַלד.
און אויס מיט בלומען, רויז ניטאָ:
דוכט, קוים געבליט בלויז נאָר איין שעה
און באַלד פאַרוועלקט פון קאַלטן ווינט...
ווי שנעל די צייט פון גליק פאַרשווינדט!
יעדוואָכע, ליבע! די צייט זיך איילט;
נוצט־אויס די טעג און זיך פאַרווײַלט!
ווייל ווען מע ווערט שוין גרוי און אַלט,
דאַן איז דאָס לעבן טויט און קאַלט!

די נאַכטיגאַל

אין שטילקייט פונעם וואַלד, אין נעפּל פון דער נאַכט,
זינגט איבער רויז אַ מזרח־נאַכטיגאַל אַ פּראַכט;
נאָר ליבע רויז, זי טוט ניט הערן, טוט ניט פילן,
זי שאָקלט זיך און דרימלט אינעם ווינטל שטילן.

נו, ניט אזוי זינגסט דו פאר שיינקייט, וואָס איז קאַלט?
באַטראַכט זיך, דיכטער, ליבע נעמט מען ניט מיט גוואַלד!
זי טוט ניט הערן, פון פּאָעטן טוט ניט דענקען;
דו קוקסט — זי בליט; דו רופסט — זי וויל קיין ענטפער שענקען.

ווינטער - וועג

פונעם נעפּל דורך די וואָלן
ווייזט לבנה איר געזיכט ;
אויף די פעלדער לאָזט זי פאַלן
טרויעריק איר זילבער־ליכט.
ס׳טראָגט זיך אויפן וועג א וואָגן,
פלינקע טראַיקע לויפט געשווינד,
און דאָס גלעקל ביז צום נאָגן,
מאָנאָטאָן עס קלינגט אצינד.
אינעם קוטשערס לאַנגע לידער
הערט זיך עפּעס אייגנס, ליב:
אָט ברענט תאווה אין די גלידער,
אָט פאַרטראַכט איז ער און טריב.
ניט קיין הערפּל, ניט קיין פייער...
שניי... פאַרוואַרפן ווינקל בלויז;
אַלעמאָל א ווערסט א נייער,
מ׳זעט אינערגעץ ניט קיין הויז.
טרויער, בענקעניש און זאָרגן...
כ׳פאָר צו נינעלען, אהין,
וואו מיט איר כ׳וועל קענען מאָרגן
פריי פאַרברענגען ביים קאַמין.
און דער שעה־ווייזער, דער קליינער
וועט שוין ווייזן האַלבע נאַכט,
כ׳וועל נאָך זיצן מיט מיין שיינער

ביי לבנה־שיין פאַרטראַכט.
נינע, כ׳בענק... אַ וועג אַ שווערער...
קוטשער שלאָפט שוין, ניט ער זינגט;
כ׳זע לבנה שוין ניט מערער,
מאָנאָטאָן דאָס גלעקל קלינגט.

די קמיע

דאָרט, וואו ים שלאָגט אייביק וואַלן
אין די פעלזנשטיינער וויסט
און לבנה מיט די שטראַלן
מיט מער ליכטיקייט באַגריסט;
דאָרט, וואו אין הארעם, גענינסנד,
טעג דער מוסולמאַן פאַרברענגט, —
האָט אַ צויבערין, זיך גריסנד,
אַ קמיע מיר געשענקט;
און מיך לאַשטשענד, טוט זי זאָגן:
„היט נאָר מיין קמיע, פריינט,
זי געהיימע קראַפט טוט טראָגן!
כ׳גיב זי דיר מיט ליבע היינט;
ניט דעם קבר, ניט קיין ליידן,
ניט קיין שטורעם־ווינט זאָגאר
וועט קמיע דיר פאַרמיידן
און פאַרהיטן פון געפאַר;
ניט פון מזרח אוצר שווערן
וועט זי שענקען דיר, אָן מי,
אַלע, וואָס דעם נביא ערן,
ניט באַהערשן דיר וועט זי;
ניט פון פרעמדע לענדער, טריבע,
וואו דו בענקסט נאָך היימיש גליס,

אין דעם שויס צו דיינע ליבע
וועט זי ברענגען דיך צוריק.
  נאָר ווען ס׳וועלן פאַלשע אויגן
דיך באַצויבערן אמאָל
און די ליפּן, אויסגעצויגן,
וועלן קושן דיך אַן צאָל, —
דאַן, מיין ליבער, פון פאַרברעכן,
פון דעם הארצנס לייד און פּיין,
פון פאַרראַטן און פאַרשוועכן
וועט קמיע היטן מיין.

EX UNGUE LEONEM *)

  אַנומלט האָב איך מיר אַ פּייף געטון מיט לידער,
מיין אונטערשריפט געשריבן האָב איך ניט;
אַ שרייבערוק אַ לץ, מיר זייענדיק הערווידער,
אָן חתימה שרייבט מיר אַ קריטיק, באַנדיט.
נו וואָס? ניט מיר, ניט אים (זאָל ע ר דאָרט ברענגען!)
געלינגט אונז צו פאַרדעקן שטיפעריי:
מיך טוט ער לויט די נעגל באַלד דערקענען,
איך — לויט די אויערן דערקען אים סיי־ווי־סיי.

שדים

  וואָלקנס דרייען זיך און יאָגן;
די לבנה, ווי פאַרטראַכט,
שיינט אויף שניי פון ווינט געטראָגן;
טריב דער הימל, טריב די נאַכט.
כ׳פאָר און פאָר אין פעלד אין ריינעם

*)לויט דעם נאָגל (דערקענט מען) דעם לייב.

און דאס גלעקל קלינג - קלינג - קלאנג...
שרעקלעך, שרעקלעך! ב'זע ניט קיינעם,
ס'טוט מיר שוין די רייזע באנג.
— קוטשער, שנעל מיט פערד און וואגן! —
„פארעט־לעבן, ס'גייט ניט מער;
זאוויערוכע לאזט ניט יאגן,
פאר די פערד איז זייער שווער.
ניט פון נאענט, ניט פון ווייטן,
כאטש דערהרגעט, ב'זע קיין סליד;
ווייזט אוים שד פארשלעפט אין זייטן,
אונז צו מוטשען ווערט ניט מיד.
קוק נאר אן אים דארטן איבער:
בלאזט און שפייט און פארן שטערט;
ב'זע אים שטויסן אין די גריבער
די צעווילדעוועטע פערד;
דא דערשיינט, ווי ווארסט - שטיין נייער,
וואו ס'איז קיינמאל ניט געווען;
דא באווייזט ער זיך ווי פייער
און פארשווינדט, ניט מער צו זען."
וואלקנס דרייען זיך און יאגן;
די לבנה, ווי פארטראכט,
שיינט אויף שניי פון ווינט געטראגן;
טריב דער הימל, טריב די נאכט.
קראפט נימא שוין מער זיך דרייען,
ס'גלעקל פלוצלינג ווערט פארשטומט...
— נו, וואס איז דארט? פערד וואס שטייען? —
„ווער ווייסט? פיען... צי וואלף גאר קומט."
זאוויערוכע וויינט, טוט קלאגן,
ס'שנארכען פערדלעך פון גרוים שרעק;
ב'זע אים שוין פון ווייטן יאגן...

נאָט צו דאַנקען, שוין אוועק!
פערד, זיי טראָגן זיך שוין ווידער
און דאָס גלעקל קלינג - קלינג - קלאַנג...
כ'זע פון גייסטער אַ האַרמידער
אין דעם פלוין, און הער געזאַנג.
אָן אַ צאָל און שרעקלעך העסלעך,
אין לבנהס טריבער שפּיל,
טייוולען דרייען זיך ווי פעסלעך,
ווי אין האַרבסט די בלעטער פיל.
וואָס פאַר צאָל? וואוהין דאָס יאָגן?
וואָס פאַר טרויעריקער קלאַנג?
זאָל מען שד צו קבורה טראָגן?
צי ס'אַ חופּה — מיט געזאַנג?
וואָלקנס דרייען זיך און יאָגן;
די לבנה, ווי פאַרטראַכט,
שיינט אויף שניי פון ווינט געטראָגן;
טריב דער הימל, טריב די נאַכט.
שדים טראָגן זיך אין רייען,
אין אַ צאָל אומענדלעך גרויס,
מיט אַ וואָיען און אַ שרייען,
אַז סע רייסט דאָס האַרץ מיר אויס.

די נאַכטיגאַל און די קוקאַווקע

אין וואַלד, אין פינסטערניש פון נאַכט,
דער פרילינגס־זינגער זינגט אַ פּראַכט:
ער ברומט און סווישטשעט, קנאַלט אָן סוף;
נאָר די קוקאַווקע, פלוידערזאַק,
אָן טעם, אָן וועלכן ס'איז געשמאַק,
דעם זעלבן קוקו הערט נים־אויף,

און עכאָ ס'זעלבע חזרט איבער:
ט'האָט אָנגעקוקעט ביז פאַרדרוס,
כאָטש נעם אַנטלויף! באַהיט, גאָט ליבער,
פון די עלעגישע קוקוס.

עלעגיע

כ'האָב אויפגעהערט די טרוימען ליבן,
דערגרייכט דעם וואונטש, וואָס כ'האָב געגלוסט;
בלויז ליידן זיינען מיר געבליבן —
די פרוכטן פונעם הארצן פוסט.
דער גורל האָט אַרויסגעגעבן
אַן אורטייל, וואָס וואַרפט־אָן אַ שרעק;
ס'איז איינזאַם, טרויעריק מיין לעבן,
איך וואַרט צו אַלעמען אַן עק.
אַזוי, דערשיטערט, פון אַ ווינטער
און ווינטער, וואָס נאַטור פאַרראַט,
אויף צווייגל נאַקעטן, גיט זיכער,
פאַרבליבן ציטערט דאָרט אַ בלאַט.

דער נביא

פון דורשט פון גייסטיקער פאַרשמאַכט,
געשלעפּט האָב איך זיך אין באַגינען
אין מדבר פינצטערן ווי נאַכט:
דאָן איז אַ מלאך מיר דערשינען;
מיט פינגער לייכטע, ווי אַ טרוים,
באַרירט די אויגן ער מיר קוים,
און אויגן עפענען זיך ברייטע,

באַנעמען אַלץ אַרום זיך גרייטע;
און אויערן באַרירט ער מיר,
פילט אַן מיט קלאַנגען אַן אַ שיעור.
און כ'טו דעם הימל־ציטער הערן,
פון שׂרפים ס'פליען אויבן דאָרט,
פון ים־פיש גאַנג אין יעדן אָרט,
און פון נאַטור דאָס שאַפן, ווערן.
און צו די ליפּן אײַנגעבויגן,
האָט ע ר מײַן צונג אַרויסגעצויגן,
אַרויסגעריסן אים מיט גוואַלד,
און שטאַכל שאַרפן פון אַ שלאַנג
אין מויל פאַרשטומטן, אַן אַ קלאַנג,
האָט ער אַרײַנגעלייגט מיר באַלד.
און ער האָט מיר די ברוסט צעהאַקט
און ס'האַרץ דאָס ציטערנדע גענומען,
און קויל, וואָס ברענט מיט פײַער, קנאַקט,
האָט ס'פּלאַץ פון האַרץ באַ מיר פאַרנומען.
ווי טויט בין א י ך דאָרט דאַן געליגן,
און שטים פון גאָט האָט אויסגעשריגן:
„שטיי אויף, פּראָפעט, טו זען און הערן!
(די קענסט זיך קענען מיר ניט ווערן!)
גיי אום די וועלט פון אָרט צו אָרט
און ברען די הערצער מיט דײַן וואָרט!"

דער וואָלקן

אַ וואָלקנדל לעצט פון באַרואיקטן שטורעם,
דו טראָגסט זיך אַליין דאָרט אין הימל, אין קלאָרעם!
דו יאָגסט־אָן אַ שאָטן אַ טריבן, וואָס נאָגט,
דו וואַרפסט־אָן אַ טרויער, די פרייד וואָס פאַריאָגט.

באַלייגט האָסטו נאָר וואָס דעם הימל, דעם פייכטן,
און גרויזאַם די בליצן דיך האָבן באַלייכטן;
ארויסגעבראָכט האָסטו פון דונער דעם קראַך:
די דורשטיקע ערד האָט געטרונקען אַ סאַך.
געננוג, גיי באַהאַלט זיך! די צייט שוין פאַריבער!
די ערד האָט זיך אָפּגעפרישט, שטורעם אַריבער!
און ווינטעלע, צערטלענדיק בלעטלעך פון בוים,
פאַרטראָגט דיך אוועק פון דעם הימלישן רוים.

צו איר

עלווירא, ליבער פריינט! אַ גיב די האַנט מיר דיינע;
כ'גיי אויס; נו, צום קאַשמאַר פון לעבן מאַך אַן עק.
וועל איך דיך זען? ווי לאַנג וועסט דו, געליבטע מיינע,
פון ליבן זיין אוועק?
זאָל זיין, מיין פריינט אויף אייביק איז פון מיר פאַרבאָרגן?
זאָל זיין מיין לעבן ליבס פון פינסטערניש באַגלייט?
זאָל זיין, אַז קיינמאָל זאָל שוין טרעפן אונז דער מאָרגן
אין ליבעס שטומער פרייד?
עלווירא, זאָג, פאַרוואָס אין צייט פון נאַכט, פון טריבע,
זאָל איך ניט קענען לוסטיק האַלזן דיך שוין מער
און אויף דיר טון ווענדן אויגן פול מיט ליבע?
פאַרוואָס דיך זען איז שווער?
אַ זאָג, פאַרוואָס, אין גרוים אַנטציקונג פון מיין האַרצן
איך קען ניט הערן מער שוין דיינע זיסע רייד?
דאָן — האָב איך ניט געחלומט וועגן טאָג דעם שוואַרצן,
ווען מיר'ן זיין צעשיידט.

אַ דענקמאָל

כ'האָב, נים מיט הענט, פאַר מיר אַ דענקמאָל אויפגעהויבן;
צו אים דער וועג פון פאָלק פאַרוואַקסן נים סע קאָן;
ער שטייגט פיל העכער נאָך — דאָס איז מיין פעסטער גלויבן —
פון טורעם פון נאַפּאָלעאָן.
ניין! גענצלעך כ'וועל נים שטאַרבן: גייסט מיין וועט פאַרמיידן
דאָס פוילן און דעם קערפּער איבערלעבן וועט —
און כ'וועל באַרימט זיין ביז ווי לאַנג ס'וועט לעבן־ליידן
אין דיזער וועלט כאָטש איין פּאָעט.
מיין רום וועט איבער רוסלאַנד גרויסער זיך צעשפּרייטן,
כ'וועל זיין באַקאַנט אין לאַנד נים נאָר דעם רוס:
דעם פין און דעם קאַלמיק, דער פריינט פון סטעפּ, פון ברייטן,
און איצטער ווילדן נאָך טונגוז.
און לאַנג, נאָך לאַנג, וועל איך דערמיט דעם פאָלק זיין טייער,
וואָס כ'האָב אין אים געפילן גוטע אויפגעוועקט,
געוועזן אים נוצלעך פון די לידער מיטן פייער
און צו רחמנות אָנגערעגט.
אָ, מוזע, זיי געהאָרכזאַם צום באַפעל פון אויבן!
נים מורא האָב פאַר שפּאָט און קראַנץ פאַר דיר נים גאָר;
נעם־אָן גלייכגילטיק די פאַרלוימדונג, ווי די לויבן,
באַשטרייטן זאָלסטו נים דער נאַר.

אַ מעשהלע וועגן אַ פישער און אַ פישעלע

נים דאָ און נים דאָרט און נים נאָענט, נים וויים,
געלעבט האָבן רואיק צוויי אַלטינקע לייט;
געלעבט האָבן זיי ביי דעם ים, ביי דעם בלויען,
אין שטיבל אין ליימענעם, אַלטן און גרויען,
אַזוי איז דאָס לעבן ביים אַלטינקן פאַר

פאַרגאַנגען דאָרט רואיק פּונקט דרייסיק דריי יאָר:
דער אַלטיטשקער כאַפּן פלעג פיש מיט די נעצן,
די אַלטע פלעג שפּינען און גליקלעך זיך שעצן.
און איינמאָל פאַרוואַרפט ער די נעץ אין דעם ים,
געקומען צוריק איז די נעץ מיט בלויז שלאַם;
א צווייט מאָל די נעץ אין דעם ים טוט ער לאָזן,
געקומען צוריק איז די נעץ מיט בלויז גראָזן;
ער וואַרפט באַלד די נעץ אינעם וואַסער צוריק,
און דאָ האָט געוואָרט שוין אויף אים א גרויס גליק:
געבראַכט האָט די נעץ פונעם ים, פונעםווילדן —
א פישל אַ וואונדער, ניט פשוטס, אַ גילדן.
און פלאַי פלאַים! דאָס פישל צו אים
טוט רעדן און בעטן מיט מענטשלעכער שטים:
„אַ לאָז מיך אָפּ, אַלטער, אין ים אין דעם ליבן,
אַ טייערן אויסקויף דערפאַר וועל איך געבן.
כ׳וועל אויסקויפן ס׳לעבן — קיין זאַך איז מיר שווער! —
פון מיר וועסטו קריגן אַלץ, ל ו י ט דיין באַגער.”
געפּלעפּט איז געבליבן שטיין דאָרטן הער זקן,
געפּלעפט און פאַרחידושט און גאַנץ גוט דערשראָקן.
צי איז דאָס אין חלום, צי גאָר אויף דער וואָר?
ער איז שוין אַ פיש־פאַנגער דרייסיק דריי יאָר
און האָט ניט געהערט און געזען אַזאַ וואונדער,
אַז פיש זאָלן רעדן, ווי ע ר זעט אצונדער.
ער לאָזט אָפּ דאָס פישעלע באַלד אויפן אָרט
און זאָגט נאָך דערצו דעם א פריינטלעך, גוט וואָרט:
— נו גיי דיר אין פרידן צוריק אין ים טריבן,
דו דאַרפסט פאַר דיין לעבן קיין אויסקויף מיר געבן:
און דאָרט אויף דער פריי דו שפּאַציר זיך דיר אום,
ווי פריער, מיין ליב פישל, אָן זאָרגן אָן שום.
דער פישער איז באַלד צו זיין אַלטער געקומען

און וועגן דעם וואונדער דערציילן גענומען:
— נו האָב איך אַ פישל געהאַט געכאַפּט היינט,
אַ פישל, ניט פּשוטס, אַ גאָלדנס, מיין פריינט;
אין אונזערן לשון געטון האָט עס ריידן:
אהיים זיך געבעטן: מיט ים עס ניט שיידן.
דעם טייערסטן פּרייז האָט עס פאָרגעלייגט דאַן:
וואָס נאָר איך וועל ווינטשן — פאַר מיר איז פאַראַן;
נאָר כ׳האָב ניט געוואגט: ניט דעם אויסקויף גענומען,
געלאָזט עס אהינצו, פון וואַנעט געקומען.
די אַלטע הייבט אָן דאַן צו זידלען דעם מאַן:
„דו, טפּש, דו גרויסער, דו אַלטער באַלוואַן!
נו קוקט עס נאָר אָן, ווי עס טוט זיך גאָר שעמען,
אַן אויסקויף פון פישל פאַר פריילאָזן נעמען!
אַ קאָרעטע וואָלסטו געבראַכט כאָטש אין הויז:
צעבראָכן איז אונזערע, וואָסער רינט אויס.״
נו, גייט דאַן צום ים, צו דעם בלויען, דער אַלטער;
ער זעט: ים צעשפּילט זיך און ס׳בלאָזט ווינט אַ קאַלטער.
ער הייבט דאַן אָן רופן צום פישל צום גאָלדן,
געקומען באַלד ס׳פישל און האָט זיך געמאָלדן:
„אָט בין איך, אַ אַלטער, דיין וואונטש זאָג מיר בלויז
און באַלד וועסטו האָבן עס דאָרט אין דיין הויז.״
דער פישער פאַרנויגט זיך און ענטפערט גלייך דאַן:
— האָב מיטלייד, אַ פישל, אויף מיר, אַלטן מאַן!
די פּלוניתטע מיינע מיך זידלט, דעם אַלטן:
די קאָרעטע אונזערע איז שוין צעשפּאַלטן.
נו האָרעלע־פישעלע, אַ טובהלע טו:
אַ קאָרעטע גלוסט זיך איר, לאָזט ניט צורו! —
דאָס פישעלע גאָלדנס דאַן ענטפערט דעם אַלטן:
„דו האָסט שוין אַ קאָרעטע נייע, אָן שפּאַלטן!״
דאַן אומגעקערט האָט זיך דער אַלטער צוריק —

זעט: קאָרעטע נייע! אָט דאָס איז אַ גליק!
די אַלטע הייבט מער נאָך אָן זידלען דעם מאַן:
„דו טפּש, דו גרויסער, דו אַלטער באַלוואַן!
ער נעמט גאָר און בעט בלויז אַ קאָרעטע אויס!
קער אום זיך צום פישל, בעט אויס אונז אַ הויז!"
דער אַלטער צום ים איז געגאַנגען, צום בלויען.
ער זעט: טריב דער ים און ער הערט אַ ווינט וואָיען.
ער הייבט אָן דאַן רופן צום פישל, צום גאָלדן,
געקומען באַלד ס'פישעלע, האָט זיך געמאָלדן:
„אָט בין איך, אַ אַלטער, דיין וואונטש זאָג מיר בלויז
און באַלד וועסטו האָבן עס דאָרט אין דיין הויז."
דער פישער פאַרנויגט זיך און ענטפערט גלייך דאַן:
— האָב מיטלייד, אַ פישל, אויף מיר, אַלטן מאַן!
זי זידלט נאָך מערער, די אַלטיטשקע מיינע,
זי לאָזט ניט צורו און זי קומט מיט אַ טענה:
אַן הויז וויל זי האָבן, די נאַרישע פרוי. —
דאָס פישעלע גאָלדנס אים ענטפערט אַזוי:
„אַ זאָרג זיך ניט, אַלטער, אין פרידן דיר גיי!
אַן הויז וועט איר האָבן, און שוין! — איינס און צוויי!"
ער גייט באַלד צוריק צו זיין הייזקע פון ליים;
ניטאָ שוין קיין זכר פון פריערדיקער היים:
פאַר אים שטייט אַן הויז מיט אַ צימער אין הויך,
פון ציגלגעם קוימען, געווייסט, גייט אַ רויך;
ער זעט אויך פון דעמבענע ברעטער אַ טויער,
זיין ווייב זיצט ביים פענסטער, אין כעס אומגעהויער;
זי הייבט אָן באַלד שעלטן און זידלען דעם מאַן:
„דו טפּש, דו גרויסער, דו עבטער באַלוואַן!
אַן הויז בעט ער אויס בלויז, דער שוטה, דער פערד!
צום פישעלע גיי באַלד און בוק זיך צו דרערד:
אַ פויערן פשוטע כ'וויל ניט זיין מער,

זיין פריצה, א יחסנטע, איז מיין באגער!"
דער אלטער גייט גלייך צו דעם ים, צו דעם בלויען,
ניט רואיק דער ים און א ווינט הערט ער וואיען.
ער הייבט דאן אן רופן צום פישעלע גאלדן,
געקומען באלד ס'פישעלע, האט זיך געמאלדן:
„אט בין איך, א אלטער, דיין וואונטש זאג מיר בלויז,
און באלד וועסטו האבן עס דארט אין דיין הויז!"
דער פישער פארנויגט זיך און ענטפערט גלייך דאן:
— האב מיטלייד, א פישל, אויף מיר, אלטן מאן!
צעדרייט איז די אלטע נאך מערער פון פריער,
קיין רו אויף קיין רגע, ניט כ'האב עס פון איר!
קיין פשוטע פויערן זי וויל ניט זיין מער,
זיין פריצה, א יחסנטע — איז איר באגער!"
דאס פישעלע ענטפערט: „אין פרידן דיר גיי!
דערפילט דיין באגער זיין וועט באלד, איינס און צוויי!"
צוריק גייט דער אלטער. נו, וואס זעט ער דארט?
א שלאס שטייט א הויבער אויף פריעריקן ארט.
זיין אלטע, דארט אויף דער וועראנדע זי שטייט,
אין פעלצל, פון טייערן סויבל גענייט,
א קופקע געמאכט פון בראקאט — אויף שפיץ קאפ,
אויף האלז אירן פערל, די גרויס ווי א קנאפ,
אויף הענט אירע גלאנצן די גאלדענע רינגען,
אויף פיס אירע, שטיוועלעך רויטע — זיי זינגען!
פון בעסטן די דינער איר ברענגען צו טראגן,
זי רייסט זיי ביים טשוב און זי טוט זיי אויך שלאגן.
דער אלטער דאן זאגט צו דער אלטער אזוי:
„וואס מאכסטו, א פריצה, מיין גנעדיקע פרוי!
נו, איצט איז דיין הארץ שוין צופרידן, איך דענק.
די אלטע שרייט־אן אויף דעם אלטיטשקן שטרענג.
זי שיקט אים אוועק אין דער שטאל אירער דינען,

אין שטאל אירער דינען, אויף ברויט זיך פארדינען...
א וואך גייט פאריבער, א צווייטע ־ פארביי,
נאך מער ווערט די אלטע באנארישט אויפסניי.
די אלטע שיקט ווידער צום פישל דעם מאן:
„סער אום זיך און בוק זיך צום פישל, באלוואן!
א פריצה, א יחסנטע, כ׳וויל ניט זיין מער,
זיין קעניגן פרייע — איז איצט מיין באגער.
דערשרעקט זיך דער אלטער און בעט זיך, פארלארן:
— צי ביסטו, א ווייב מיינס, משוגע געווארן?
א ווארט קענסט ניט רעדן, א טריט קענסט ניט מאכן —
די גאנצע מדינה פון דיר וועט דאך לאכן! —
נאך מערער אין כעס איז די אלטע געווארן
און גלייך אינעם פנים דעם אלטן „פארפארן":
„דו חוצפעניק־פויער, ווי קענסט זיך דערוועגן
דער פריצה, הער יחסנטע, רעדן אנטקעגן!
מע זאגט דיר מיט גוטן: דו גיי צום ים באלד!
אויב ניט וועט מען פירן אהין דיך מיט געוואלד!"
צום ים איז דער אלטיטשקער גלייך באלד אוועק.
געווארן איז שווארץ, בלויער ים, אזש א שרעק.
ער הייבט דאן אן רופן צום פישעלע גאלדן;
געקומען באלד ס׳פישעלע, האט זיך געמאלדן:
„אט בין איך, א אלטער, דיין וואונטש זאג מיר בלויז,
און באלד וועסטו האבן עס דארט אין דיין הויז!"
דער פישער פארנויגט זיך און ענטפערט גלייך דאן:
—האב מיטלייד, א פישל, אויף מיר, אלטן מאן!
שוין בונטעוועט ווידער זיך אלטיטשקע מיין:
זי וויל שוין א פריצה איצט מערער ניט זיין;
א קעניגן פרייע זיין — איז איר באגער. —
דאס פישעלע ענטפערט: „א דאס איז ניט שווער.
ניט זארג זיך, א, אלטער, אין פרידן דיר גיי:

דיין אַלטע אַ מלכה וועט זיין, איינס און צוויי."
צוריק גייט דער אַלטער. נו, וואָס זעט ער דאָרט?
אַ פּאַלעץ אַ קיסרישער שטייט אויפן אָרט;
זיין אַלטע אַלס מלכה ביים טיש איז געזעסן,
ביים טיש איז געזעסן, ביים קיסרישן עסן;
באָיאַרן און פּריצים אין דינסט איר פאַראַנען:
איר גיסן־אָן בעכערס פון בעסטע שאַמפּאַנען,
זי לעקעך פאַרבייסט און געבעקסן אַ סאַך;
סע שטייט אַרום איר אויך איר פורכטבאַרע וואַך,
אויף אַקסלען זיי האַלטן די שאַרפינקע העקלעך.
דערזעט עס דער אַלטער — דערשרעקט ער זיך שרעקלעך,
ער טוט צו די פיס זיך זיין אַלטער פאַרנויגן
און זאָגט מיט אַ ציטער, אינדרייען געבויגן:
— אַ פורכטבאַרע מלכה, איך ווינטש דיר: גוטמאָרגן!
נו, איצט איז דיין האַרץ שוין צופרידן, אָן זאָרגן?
די אַלטע אויף אים זאָל אַ קוק טון כאָטש װעלן!
פון די אויגן פאַרטרייבן זי טוט בלויז באַפעלן.
באָיאַרן און פּריצים, זיי נעמען זיך יאָגן,
זיי נעמען זיך יאָגן דעם אַלטן און שלאָגן;
די וואַך ביי די טירן איז צו מיט די העקלעך
און האָבן צעממיתט דעם אַלטיטשקן שרעקלעך;
און ס'פּאָלק האָט געחוזקט, געלאַכט פון דעם מאַן:
„אַ מצוה אויף דיר, אַ דו אַלטער גראָביאַן!
אויף ווייטער וועט דאָס שוין אַ לערע דיר זיין:
דו זעץ ניט אין שליטן זיך, וועלכער ז'ניט דיין."
אַ וואָך גייט פאַריבער, אַ צווייטע — פאַרביי,
נאָך מער ווערט די אַלטע באַנאַרישט אויפסניי.
די הויפלייט צום אַלטן די אַלטע שיקט דאַן;
זיי זוכן, געפינען און ברענגען דעם מאַן.
זי זאָגט צו דעם אַלטן: „דו גיי אַוועק גלייך

און בוק זיך צום פישל, אַן טענות אַ סאַך:
אַ קעניגן פרייע זיין וויל איך ניט מער,
פון ים זיין אַ הערשערן — איז מיין באַגער;

און וואוינען זאָל איך אין דעם ים־אָקעאַן
און ס'גילדענע פישל, אַלס מיין אונטער־טאַן,
ביי מיר אין שליחות... פארשטאַנען, באַלוואַן?
דער אַלטער, ער האָט ניט קיין מוט זיך דערוועגן
צו רעדן דער קעניגן עפּעס אנטקעגן,
ער גייט צו דעם בלויען, צום ים באַלד אַוועק;
ער זעט: אויף דעם ים הערשט אַ שטורעם — אַ שרעק,
די כוואַליעס, די בייזע, זיך הייבן און דרייען,
אהין און צוריק מיט אַ וואָיען זיי גייען.
ער הייבט דאַן אָן רופן צום פישעלע גאָלדן,
געקומען באַלד ס'פישעלע, האָט זיך געמאָלדן:

„אָט בין איך, וואָס דאַרפסטו?" ער ענטפערט גלייך דאַן:
— האָב מיטלייד, אָ פישל, אויף מיר, אַלטן מאַן!
וואָס זאָל איך איר טון, דער ארורה, מיין פרוי,
וואָס טוט מיר פאַרביטערן ס'לעבן אַזוי?
אַ קעניגן פרייע זיין וויל זי ניט מער,
פון ים זיין אַ הערשערן — איז איר באַגער,
און וואוינען זאָל ז י אין דעם ים־אָקעאַן,
דו אַליין — זי באַדינען, אַלס א י ר אונטערטאַן. —

דאָס גאָלדענע פישעלע, ס'זאָגט ניט קיין וואָרט,
אַ פּליעסק מיטן עק און פאַרשווינדט אויפן אָרט,
פאַרשווינדט אויפן אָרט אינעם ים אינעם בלויען.
אומזיסט לאַנג דערוואַרט ער אַן ענטפער געגויען.
אַם ענדע, דער אַלטער אהיים קומט צוגיין,
זעט ווידער די ליימענע הייזקע דאָרט שטיין,

אויף שוועל זיצט זיין אַלטע דאַרט, לעבן דער טיר,
צעבראָכענע קאַרעטע שטייט לעבן איר.

(אַנמערקונג: דאָס דאַזיקע מעשהלע איז פונעם איבערזעצער איבערגע־
דיכטעט געוואָרן אין פּערזן מיט ריטם און ג ר א מ ע ן , אַ זאַך, וואָס
איז נישט פאַראַן אין אָריגינאַל).

שאָטלאַנדיש ליד

איילט זיך קראָ צו קראָ און פליט,
אַ געשריי דאַן איינע גיט:
„זאָג, וואו קען מען קריגן עסן?
מאָגן פאָדערט: ניט פאַרגעסן!
ענטפערט קראָ צו צווייטער קראָ:
„דאָ שוין, אין אַ גוטער שעה;
אינעם פעלד, און אָן אַ היטער,
ליגט אַ טויטער דאַרט, אַ ריטער.
ווער געטויט האָט אים, פאַרוואָס, —
בלויז זיין סאָקאָל ווייסט נאָר דאָס,
און די שווארצע שקאַפע קליינע
און די באַלעבאָסטע שיינע.
סאָקאָל איז אַוועק אין וואַלד,
פיינט אויף פערד אַוועק אויך באַלד,
באַלעבאָסטע, אַ באַטריבטע,
וואַרט אויף נייע שוין געליבטע...

אינהאַלט

זייט

פאַררעדע פון יעקב באַטאַשאַנסקי — 3

1) די וואַסער־נימפע — 5

2) דער קאַזאַק — 7

3) ווינטער־נאַכט — 9

4) צו נאַטאַשען — 10

5) די שוואַרצע שאַל — 11

6) דאָס מיידל — 12

7) דאָס ליד וועגן פירשט אָלעג — 13

8) דעם וויינשלבוים — 17

9) דער דערטרונקענער — 19

10) אַ שפּאַנישער ראָמאַנס — 22

11) צו דער יונגער אַלמנה — 22

12) דער טרוימער — 24

13) אַ בריוו קיין סיביר — 27

14) סטאַנצן — 27

15) דער געפאַנגענער — 28

16) ציגיינער — 29

17) ראָמאַנס (דער פירשטן גאָרטשאַקאָוו) — 30

18) די נאַכטיגאַל — 30

19) ווינטער־וועג — 31

20) די קמיע — 32

21) Ex ungue leonen — 33

22) שדים — 33

23) די נאַכטיגאַל און די קוקאַווקע — 35

24) עלעגיע — 36

25) דער נביא — 36

26) דער וואָלקן — 37

27) צו איר — 38

28) אַ דענקמאָל — 39

29) אַ מעשהלע וועגן אַ פישער און אַ פישעלע — 39

30) שאָטלאַנדיש ליד — 47

עלעמענטארע לעקציעס
איבער
דעדוקטיווער און אינדוקטיווער
לאָגיק
פאַר זעלבסטבילדונג
פארפאסט פון
מנשה קאָנסטאַנטינאָווסקי
לויט די גרעסטע פילאָסאָפן און וויסנשאַפטסלייט
און לויט אייגענע זעלבסטשטענדיקע לאָגישע פאָרשונגען.
ערשטער טייל
פאַרלאַג:
ליטעראַטור און וויסנשאַפט.
בוענאָס איירעס

פּרייז:
אין ארגענטינע: 1 **פּעזא**; מיט איבערשיקן: 1.40.
אין אויסלאַנד (מיט איבערשיקן): 55 נ.־אמעריקאנער **סענט**.

אַדרעס:
M. KONSTANTINOVSKY
BILLINGHURST 591 Buenos Aires

אַלע רעכט פאַרבאַהאַלטן.

Copyright, 1937,
by Moses Konstantinovsky

All rights reserved

Quedan asegurados los derechos de propiedad literaria conforme a la ley

דרוקעריי י. קויפמאַן, כוניו 344, בוענאָס איירעס.

A. S. PUCHKIN

POESIAS

traducidas al ídisch por
MOISES KONSTANTINOVSKY

con prólogo de
J. BOTOSCHANSKY

Editorial:
LIBRERIA G. KAPLANSKY
CORRIENTES 2614 **U. T. 47, Cuyo 2883**
Buenos Aires

Precio: $ 0.60